**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/14/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט ווילעדזשעס פון פיניקס, מאראוויע און העמילטאן אלץ סענטראל ניו יארק געווינער פון ערשטע רונדע פון NY FORWARD פראגראם**

***ווילעדזש און פיניקס צו באקומען 4.5 מיליאן דאלאר; ווילעדזשעס פון מאראוויע און העמילטאן צו באקומען 2.25 מיליאן דאלאר יעדע איינס***

***נייער 100 מיליאן דאלארדיגער NY Forward פראגראם בויט אויף שוואונג פון ערפאלגרייכע שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו צו שטיצן א מער גלייכע ערהוילונג פון שטאטישע צענטערן אין ניו יארק'ס קלענערע קאמיוניטיס און אזעלכע וועלכע זענען ווייטער ארויס פון שטאט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ווילעדזש און פיניקס וועט באקומען 4.5 מיליאן דאלאר און די ווילעדזשעס פון מאראוויע און העמילטאן וועלן באקומען יעדע איינע 2.25 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג אלץ די סענטראל ניו יארק ראיאן געווינער פון די ערשטע רונדע פון NY Forward (ניו יארק פאראויס). ארויפבויענדיג אויף די שוואונג פון די סטעיט'ס ערפאלגרייכע שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI), נעמט דער 100 מיליאן דאלארדיגער NY Forward פראגראם אן די זעלבע 'אומר ועושה' סטראטעגיע ווי די DRI צו שטיצן א מער גלייכע ערהוילונג פון שטאטישע צענטערן אין ניו יארק'ס קלענערע קאמיוניטיס און אזעלכע וועלכע זענען ווייטער ארויס פון שטאט. אלץ טייל פון די ערשטע רונדע פון NY Forward וועלן צוויי ביז דריי גרענטס פארטיילט ווערן פאר קלענערע קאמיוניטיס אין יעדע איינס פון די סטעיט'ס צען עקאנאמישע אנטוויקלונג ראיאנען צו שטיצן אנטוויקלונג און איינפירונג פון שטאט-צענטער אויפלעבונג פלענער.

"ניו יארק'ס דאונטאון געגנטער זענען דער הארץ און נשמה פון אונזערע קאמיוניטיס און ראיאנען, און NY Forward וועט פארזיכערן אז פיניקס, מאראוויע און העמילטאן האבן די ריסאורסעס וואס זיי דארפן צו בליען און שטייגן," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די געלט וועט אויפלעבן די ווילעדזשעס צוריק צו די פארנומענע געגנטער וועלכע זיי פלעגן זיין דורך מאכן די קאמיוניטיס מער באקוועם צו שפאצירן, שאפן נייע האוזינג געלעגנהייטן, און ציען ביזנעסער."

NY Forward איז א הויפט קאמפאנענט פון דער סטעיטס עקאנאמישע אנטוויקלונג באמיאונגען, וואס ארבעט צוזאמען מיט DRI צו פארשנעלערן און פארברייטערן די אויפלעבונג פון ניו יארקס דאונטאונס. NY Forward דינט קליינע קאמיוניטיס מיט היסטארישע כאראקטער וואס צייכנט זיי אויס פון די גרעסערע, מער שטאטישע צענטראלע ביזנעס דיסטריקטס וואס ווערן געוויינטלעך פינאנצירט דורך DRI. NY Forward קאמיוניטיס זענען פיסגייער-פריינטליכע, נישט געדיכטע געגנטער וועלכע דינען די ארטיגע קאמיוניטי און האבן א מער לאקאלע נאטור, זיך קאנצענטרירנדיג אויף די ארומיגע וואוינונגען אדער צענטרירן זיך ארום דארפישע אגריקולטורישע דעוועלאפמענט.

פונקט ווי די DRI וועט יעדע NY Forward קאמיוניטי אהערשטעלן א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן צו אויפלעבן איר שטאט צענטער דורך א רייע פון פראיעקטן וועלכע זענען גרייט צו דורכגעפירט ווערן. די דעפארטמענט אוו סטעיט וועט צושטעלן פארגרעסערטע טעכנישע הילף צו בעסער שטיצן קלענערע קאמיוניטיס וואס קענען האבן ווייניגער יכולות'ן אלץ טייל פון דערNY Forward פראגראם און פינאנצירן פאסיגע פראפארציע צו דער גרייס פון יעדע קאמיוניטי. פראיעקטן קענען אריינרעכענען רענאוואציע און איבערבויאונגען, נייע קאנסטרוקציע אדער אויפבויאונג פון נייע אדער פארבעסערטע פובליק ערטער, און אזוי אויך אנדערע פראיעקטן צו פארבעסערן ספעציפישע קולטורישע, היסטארישע קוואליטעטן וועלכע פארשטערקערן די געפיל פון די שטעטלישע חן.

**פיניקס**
די ווילעדזש אוו פיניקס איז א קאנאל קאמיוניטי רייך מיט היסטאריע פונעם 19 יאר הונדערט און כאראקטער געשטעלט ארום לאק 1 פון די אסוועגא קאנאל אויף די אסוועגא טייך. פיניקס'עס קאנאל וואסער פראנט דיסטריקט וועט זיין די פאקוס פון NY Forward געלטער. פיניקס זוכט צו ערגרייכן איר ציל פאר אויפלעבונג דורך אויפנעמען איר קאנאל היסטאריע און די גאנג פון ווייטערדיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג פלענער, אינאיינעם מיט א איבערגעגעבענקייט צו היינטיגע אויפבוי און אפענע ערטער דעזיין. די ווילעדזש צילט צו פארבעסערן די עקאנאמישע, וואוינונג און פארוויילונג געלעגנהייטן אוועילעבל אין די קאנאל וואסער פראנט דיסטריקט און דורכאויס די ווילעדזש דורך ווידער אינוועסטירן אין די געביידעס און איבערמאכן די בליענדע קאנאל קאמיוניטי וועלכע פלעגט אנגיין לענגאויס די אסוועגא קאנאל ביי לאק 1. די נייע און פארברייטערטע ביזנעסער, פארמעגליכע וואוינונג אויסוואלן און וואסער פראנט סצענע וועט ציען מענטשן פון ארום די לאנג צו די ווילעדזש'ס אייגנארטיגע קאנאל געשטעלטע אומגעגנט.

**מאראוויע**
מאראוויע, רייך אין היסטאריע און אין קליינע דארף כאראקטער, צילט צו אויפשטעלן א בליענדע דאונטאון וואס שטיצט די קאמיוניטי און פארשטארקערט אנהאלטענדע וואוקס בשעת'ן באשיצן איר נאטורליכע ריסאורסעס און פארזיכערן די געזונט און זיכערהייט פון אירע בירגער. די ווילעדזש זיצט אין א טאל, ארומגענומען מיט אפענע פעלדער פון פארמלאנד און וועלדער און געפינט זיך א קורצע שטרעק אוועק פון די דרום עק פון אסוועגא טייך. וויבאלד עס געפינט זיך סטראטעגיש צווישן דריי מעסיגע-גרויסקייט שטאטישע צענטערן, סערווירט מאראוויע'ס דאונטאון אלס די צענטער פון ביזנעס און געזעלשאפט אקטיוויטעטן פאר נישט בלויז די ווילעדזש, נאר אויך עטליכע דערנעבנדע קליינע דערפלעך. מאראוויע פלאנט צו ווערן די איינציגע פראווידער פון וויכטיגער סערוויסעס צו דרום קאיאגע קאונטי און זוכט צו פארבעסערן געלעגנהייטן פאר ביזנעס, קולטור און פארוויילונג וואוקס.

**העמילטאן**
העמילטאן איז א קליינע, שפאצירבארע ווילעדזש מיט די כאראקטער פון א קלייע שטאטישע צענטער ארומגענומען דארפישע ארבעט סצענעס. העמילטאן'ס היסטארישע דאונטאון איז אויסגערעכנט אין די נאציאנאלע רעדזשיסטער פון היסטארישע פלעצער צוליב אירע פילע גוט-אנגעהאלטענע ביישפילן פון 1890'ס ארכיטעקטור. איר קאמערשעל דיסטריקט איז קליין, אבער געפאקט מיט אייגנארטיגע לאקאל געאייגנטע ביזנעסער, ווי אויך די העמילטאן פארמערס' מארקעט אויף די ווילעדזש גרין יעדע מאי ביז אקטאבער, וועלכע ברענגט איבער 80 פארקויפער פון איבער גאנץ מעדיסאן און טשענאנגא קאונטיס. העמילטאן'ס NY Forward געגנט נעמט אריין די ווילעדזש גרעניצן פון העמילטאן, מיט די מערהייט פון פראיעקטן וועלכע פאלן אריין אין די היסטארישע דאונטאון צענטער געגנט. אלס די קאמערשעל צענטער פאר טויזנטער דערפישע איינוואוינער פון סענטראל ניו יארק און די היים פון די סטודענט באפעלקערונג פון קאלגעיט יוניווערסיטי, זוכט העמילטאן צו מוטיגן סטודענטן צו פארבלייבן נאך גראדואירן, ציען נייע יונגע פראפעסיאנאלן און פאמיליעס און ערלויבן אנגייענדע איינוואוינער צו זיך עלטערן אויפ'ן פלאץ.

העמילטאן צילט צו פארברייטערן האוזינג געלעגנהייטן, שאפן ציווילע ערטער, און פארבעסערן ביזנעס אנטוויקלונג, ארטס, קולטור און פארוויילונג.

**סעקרעטאר אוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "מיר וויסן אז ווען מיר אינוועסטירן אין אונזער קאמיוניטיס, בליען זיי, און דאס איז פונקטליך וואס אונזער נייע פראגראם, NY Forward, טוט פאר אונזער קלענערע, מער דארפישע קאמיוניטיס. די קריטישע אינוועסטירונגען צוגעשטעלט דורך די פראגראם וועט העלפן די ווילעדזש אוו פיניקס, מאראוויע און העמילטאן שטארק פארבעסערן זייער דאונטאון געגנטער און אינעם זעלבן צייט בלייבן ריכטיג אין זייער קליינע דארף חן און געפיל וואס מאכט זיי אזוי אייגנארטיג. איך קוק ארויס צו זען די פארשריט פון די קאמיוניטיס אינעם צוקונפט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָפּ נייט, האט געזאגט,** "די NY Forward איניציאטיוו איז געמאכט געווארן צו שטיצן די אויפלעבונג פון שטאלצע דארפישע קאמיוניטיס איבער ניו יארק סטעיט. א דאנק די געלטער, זענען די ווילעדזשעס פון פיניקס, מאראוויע און העמילטאן אויפ'ן וועג צו נאך א ברייטערע צוקונפט פאר זייער דאונטאונס, פארשנעלערנדיג זייער אויפגעלעבטקייט און עקאנאמישע וואוקס פאר דורות ווייטער."

**היימען און קאמיוניטי באנייאונג קאמישענער רוטענן וויסנאוסקעס האט געזאגט,** "די NY Forward פראגראם געבט שטארקקייט פאר קלענערע מוניציפאליטעטן צו דערגרייכן זייער פולע פאטענציעל מיט געצילטע אינוועסטירונגען. די געלט אנאנסירט היינט וועט ערלויבן די סענטראל ניו יארק ווילעדזשעס פון פיניקס, מאראוויע און העמילטאן צו אנטוויקלען נייע האוזינג און עקאנאמישע געלעגנהייטן, פארבעסערן אויפבוי ארבעט און מוטיגן קלוגע וואוקס וואס וועט בעסער מאכן פאר די גאנצע ראיאן."

**סענטראל ניו יארק ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל מיט-פארזיצער רענדי וואלקען, פרעזידענט און CEO פון דעם מעניופעקטשורערס אסאסיעשען פון סענטראל ניו יארק, און לע-מוין קאלעדזש פרעזידענטקע לינדע מ. לעמורע האט געזאגט,** "פיניקס, מאראוויע און העמילטאן שטעלן ריכטיגע פאר אלעס וואס איז גוט וועגן סענטראל ניו יארק ראיאן'ס קלענערע קאמיוניטיס און אלעס וואס זיי האבן צוצושטעלן. פילן דאנק פאר גאווערנער האקול פארן אנערקענען די נויט צו העלפן טרייבן די אויפלעבונג פון די הערליכע קאמיוניטיס, פארשנעלערנדיג זייער עקאנאמישע געלעגנהייטן פאר יארן ווייטער."

**ניו יארק סטעיט קאנאל קארפאראציע דירעקטאר ברייען א. סטראטאן האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר סטראטעגיש אינוועסטירן אין די ווילעדזש פון פיניקס, א קאמיוניטי וואס האט א שטארקע געפיל פון פלאץ און טיפע פארבינדונג צו די אסוועגא קאנאל, און איינס וואס האט יעצט נאך א בעסערע צוקונפט א דאנק די NY Forward פראגראם. ניו יארק'ס קאנאלן זענען אן עקאנאמישע מאטאר פאר אפסטעיט ניו יארק, און פילע קאנאל דערנעבנדע קאמיוניטיס אזוויו פיניקס האבן געבליעט פאר דורות מיט זייער נאנטקייט צו די היסטארישע וואסערוועגן. איינגעפירט אין 1848, 20 יאר נאך די עפענונג פון די אסוועגא קאנאל, וועט די נייע פלוס פון געלטער בויען אויף פיניקס'עס שטאלצע היסטאריע און געבן פאר די ווילעדזש א נייע וועלט פאר די קומענדיגע דור פון איינוואוינער און באזוכער."

**אסעמבלימיטגליד דזשעף גאלאהאן האט געזאגט,** "מאראוויע איז די טויער צו קאיאגע קאונטי, און עס איז פאסיג אז זיי זאלן זיין איינס פון די ערשטע דערהאלטער פון NY Forward אין אונזער ראיאן. דאס איז אן אנערקענונג פון די שווערע ארבעט און בליק פון די ארטיגע פירערשאפט גרופע וואס האט שווער געארבעט צו פארזיכער די געלטער צו העלפן אנהויבן א בעסערע, מער בליענדע צוקונפט."

**אסעמבלימיטגליד דזשאו אנגעלינא האט געזאגט,** "איך בין זייער פרייליך אז די סטעיט האט געגעבן NY Forward געלטער פאר העמילטאן. דארפישע קאמיוניטיס, אזוויו העמילטאן, זענען די לעבנסבלוט

פון ניו יארק, און עס קומט זיך פאר יעדע איינס פון זיי די זעלבע אנערקענונג פון די רעגירונג ווי גרעסערע שטעט. איך בין צופרידן צו זען אז די גאווערנער שטימט צו."

**מעיאר פון פיניקס קאלעב סוויט האט געזאגט,** "די ווילעדזש פון פיניקס איז רייף מיט געלעגנהייטן און גרייט צו ענדיגן די איבערטויש צו א בליענדע קאנאל קאמיוניטי. א דאנק גאווערנער האקול און די פארגעשריטענע NY Forward פראגראם, קענען מיר יעצט מאכן פון א אונזער פלענער א ווירקליכקייט. מיר קוקן ארויס צו אנטוויקלען א סטראטעגישע פלאן וואס וועט ברענגען נייע ביזנעסער, פארברייטערן האוזינג געלעגנהייטן, פארמערן ארבעט ראטעס און שענער מאכן טוריסם און פארוויילונג געלעגנהייטן אין די ווילעדזש."

**מעיאר פון העמילטאן רוטענן לאוולעס האט געזאגט,** "די NY Forward געלטערן וועט עכט איבערטוישן די ווילעדזש פון העמילטאן. געבן מער פארמעגליכע וואוינונג, עקאנאמישע געלעגנהייטן, צוגענגליכע ציווילע ערטער, און בוי ארבעט פארבעסערונגען וועט מאכן העמילטאן מער א צוגענגליכע און גלייכע קאמיוניטי פאר אלע וואס קומען דא. מיר זענען דאנקבאר צו גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע איבערגעגעבנקייט צו דאונטאון אויפלעבונג און פאר פארזיכערן אז אלע קאמיוניטיס האבן צוטריט צו די וויכטיגע געלטער."

**מעיאר פון מאראוויע גערי מולוואני האט געזאגט,** "די ווילעדזש פון מאראוויע איז א נאנטע קאמיוניטי מיט א געוואלד פון קולטור, היסטאריע און שטאלצקייט. מיר ריכטיגע פלאנירן אנווייזונגען און א בליק אויף טוישונגען, איז אונזער ווילעדזש גרייט צו פארברייטערן אונזער פארשטעלונגען און ווערן א טוריסם און געזעלשאפט ציל פאר די גאנצע סטעיט. די NY Forward געלטער וועט אונז העלפן ערגרייכן אונזער ציל, און איך דאנק גאווערנער האקול פאר איר פארגעשריטענע צוגאנג צו אויפלעבן דאונטאונס אין קלענערע קאמיוניטיס אזויווי אונזער."

די סענטראל ניו יארק ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל ( Regional Economic Development Council) האט דורכגעפירט א גרונטליכע און פארמעסטנדע פראצעדור פון פארשלאגן אריינגעגעבן פון קאמיוניטיס איבער די גאנצע ראיאן, און זיי האבן אין באטראכט גענומען די פאלגנדע קריטעריאנען בעפארן רעקאמענדירן די קאמיוניטיס אלץ נאמינירטע:

- די דאונטאון זאל זיין קאמפאקט, מיט קלאר אנגעצייכנטע גרעניצן;
- דער דאונטאון דארף קענען אויסניצן פריערדיגע אדער ברענגען צו צוקונפטיגע פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען אין דעם געגנט און איר אומגעגנט;
- עס זאל האבן לעצטנסדיגע אדער פאראויסגעזעהנע דזשאב וואוקס אינדערינען אין, אדער נאענט נעבן, דעם דאונטאון געגנט וועלכס קען צוציען ארבעטער צו דעם דאונטאון געגנט, שטיצן ווידער-אנטוויקלונג און מאכן וואוקס אויסהאלטבאר;
- די דאונטאון געגנט מוז זיין א ציהענדע און וואוינבארע קאמיוניטי פאר פארשידנארטיגע באפעלקערונגען פון יעדן עלטער, איינקונפט שטאפל, דזשענדער, אידענטיטעט, פעאיגקייט, באוועגיגקייט און קולטורישע הונטערגרונט;
- די מוניציפאליטעט זאל זיך שוין האבן אונטערגענומען אדער האבן די מעגליכקייט צו שאפן און איינפירן פאליסעס וואס פארמערן איינוואוינער-פריינטליכקייט און קוואליטעט פון לעבן;
- די מוניציפאליטעט זאל האבן אויסגעפירט אן אפענע און שטארקע פראצעדור צו ארבעטן צוזאמען מיט די קאמיוניטי צו ברענגען א חזון פאר שטאט-צענטער אויפלעבונג און אן ערשטיגע ליסטע פון פראיעקטן און אינציאטיוון וועלכע קענען אריינגערעכנט ווערן אין א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן;

- די מוניציפאליטעט האט אידנטיפיצירט טראנספארמאטיווע פראיעקטן וועלכע וועלן זיין גרייט צו דורכגעפירט ווערן אויף די קורצע טערמין דורך א שטופ פון NY Forward געלטער; און
- די מוניציפאליטעט האט די לאקאלע קאפאציטעט צו פארוואלטן אויף די פלאנירונג פראצעדור און דורכפירונג פון פראיעקטן, אריינרעכענענדיג די מעגליכקייט צו איבערזעהן קאנטראקטן פאר מוניציפאלע פראיעקטן וועלכע האבן באקומען געלט פון די גרענט.

פיניקס, מאראוויע און האמילטאן וועלן יעצט אנהויבן דעם פראצעדור פון אנטוויקלען א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן צו אויפלעבן זייערע שטאטישע צענטערן. א לאקאלע פלאנירונגס קאמיסיע, צוזאמענגעשטעלט פון שטאטישע פארטרעטער, כלל פירער, און אנדערע פאראינטערעסירטע פארטייען, וועלן אנפירן די ארבעט, בייגעהאלפן דורך א מאנשאפט פון מומחים פון דעם פריוואטן סעקטאר און שטאט־פלאנירער. די סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט נעמען אין באטראכט לאקאלע פארמעגנס און געלעגנהייטן צו אידענטיפיצירן פראיעקטן וועלכע זענען אין איינקלאנג מיט די חזון פון יעדע קאמיוניטי און אזעלכע וועלכע זענען גרייט צו אויסגעפירט ווערן. די געלטער וועלן צוגעטיילט ווערן פאר אויסדערוועהלטע פראיעקטן פון די סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועלכע האבן די גרעסטע פאטענציאל צו אונטערהייבן אויפלעבונג און ברענגען נייע געלעגנהייטן פאר לאנג-טערמיניגע וואוקס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418